# דורך דער שויב

כ׳קען שטענדיק שוין זען אויף מיין שויב
אפילו בייטאָג
אַן אָנזאָג פון אומגליק און שרעק,
אַ סימן פון קלאָג.

איך הער זיך ווען צו צו אַ קול
פון אַ מענטש אויף דער גאַס —
דאָ קען מיך נישט קיינער צומאָל,
קומט קיינער צונאַסט.

איך בין אַ פאַרשפעטיקטער מענטש
אין דאָזיקן לאַנד.
איז אַלץ נאָך אַזוי ווי פאַרשעמט
מיין היימישע האַנט.

נאָך גוט וואָס דאָס ליד איז נאָך פול
מיט פרומען געזאַנג
און באַהעלט מיינע טריט אויף דער וועלט
וואָס ווייגען אין גאַנג.